ב"ה

# צעירי השלוחים



"פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט"

A project of The Shluchim Office

## ח' תמוז תשס"ה

## פרשת בלק

טייערע קינדער שלוחים,

מזל טוב! די וואך קומט אויס דער יום הולדת פון דעם פריערדיקער רבי'ן. ווי מיר ווייסן קינדער, איז אויף א יום הולדת שיינט א מענטש'ס מזל. מיר האבן דאס געזען ביים פריערדיקן רבי'ן, אז זיין חג הגאולה איז געווען אויף דער טאג פון זיין יום הולדת- י"ב תמוז.

חסידות איז א לאנגע קייט וואס ציט זיך פון די צייט פון דעם בעל שם טוב. דער זעקסטן דור אין חסידות – דער אכטן דור פון בעל שם טוב- איז געווען דער פריערדיקע רבי. י"ב תמוז-די יום הולדת און חג הגאולה פון דעם פריערדיקן רבי'ן - פאלן אויס די וואך. די סיפורים וואס איר וועט לייענען דא, און די היסטורי' פון זיין מאסר וגאולה, זיינען א חלק פון אונזער רייכע חסידישע ירושה. איר, אלס שלוחים פון דעם רבי'ן, לעבן ווי דער פריערדיקן רבי האט געלערנט: מיט מסירת נפש פאר נאך א איד. לאמיר ווייטער טאן אין אונזער שליחות מיט חיות און אזוי ברענגען גאולה און שוין זען דעם פריערדיקן רבי'ן אין ירושלים מיט משיח!



## לעבן מיט דער צייט

### פרשת בלק

בלק – וירד מיעקב

אויף משיח'ן שטייט אין תהלים :**"וירד מים עד ים ומנהר עד אפסי ארץ"** - ער וועט זיין דער אנפירער פון דער גאנצער וועלט, און אין אן אופן פון שלום, ווי עס שטייט אין מערערע פסוקים אין דעם קאפיטל אין תהלים.

און דאס קומט דורך דעם , וואס **"ויבחר בדוד עבדו"** – דער אויבערשטער קלייבט–אויס פון דאס–ניי "בדוד עבדו" אלס מלך המשיח: **"ויבן כמו רמים מקדשו"** - ער בויט–אויף אין דעם העכסטן אופן דעם בית המקדש: **"כארץ יסדה לעולם"** - און צוזאמען מיט גאנץ ארץ ישראל.

כדי צו זוכה זיין צו דער ערפילונג פון די הבטחות–איז דאס דורך דעם וואס שוין איצטער, איידער משיח'ס קומען אבער בעקבתא דמשיחא, איז ארץ ישראל גאנץ, **"שלימות הארץ"**, צוזאמען מיט די אנדערע צוויי גאנצקייטן, **"שלימות התורה"** און **"שלימות העם"**:

ארץ ישראל געהערט אויך איצטער , לגבולותי', צו אידן, און מ'טאר חס ושלום ניט אנרירן אפילו עפעס–וואס א חלק פון ארץ ישראל,

ווארום יעדער איד פון **אלע דורות** - איז א בעל–הבית אויף יעדער "אינטש", אויף יעדער חלק, פון ארץ ישראל, וואס דער אויבערשטער האט דאס אים אפגעגעבן לנחלת עולם, פאר אן אייביקער ירושה.

און אזוי אויך **"שלימות התורה"**, ווארום דער אויבערשטער האט אפגעגעבן יעדן אידן די גאנצע תורה, **"תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב"**, אז יעדער איד אין אלע דורות ירש'נט די גאנצע תורה, וואס צוה לנו משה, **"שלימות התורה"**.

און אזוי אויך **"שלימות העם"**, ווארום יעדער איד ירש'נט די תורה אין אן אופן אז ער האט דעם **"כלל גדול בתורה"**, דעם **"ואהבת לרעך כמוך"**, אז ער ציט אריין יעדער אידן און אלע אידן אין דעם אויבערשטנ'ס ארמיי, אלס דעם אויבערשטנ'ס יורשים פון דער תורה און פון ארץ ישראל:

אינגעלעך "דרעפטן" (ציען אריין) אין **"צבאות השם"** אלע אינגעלעך וועלכע זיי קענען דערגרייכן, און מיידעלעך ציען אריין אין "צבאות השם" אלע מיידעלעך וועלכע זיי קענען דערגרייכן - דורך רעדן מיט זיי אין דעם און דורך דעם וואס יעדערער פון זיי לערנט נאכמער תורה און איז מקיים נאכמער מצוות,

און די קינדער ווירקן איין אויף די הערצער פון זייערע עלטערן, די פאטערס און מוטערס - **"לב אבות על בנים - על ידי בנים"** - אז זיי

*(המשך אין עמוד 2)*



## משיח נאו!

*אין לקוטי דיבורים, האט דער פריערדיקע רבי געשריבן:*

אין די זיבן טעג פון שבע ברכות פון דער רבי רש"ב אין אלול תרל"ה האבן די חסידים געטאנצט מיט גרויס פרייד. דער רבי מהר"ש איז געזעצן ביים פענסטער, און האט געקוקט ווי די חסידים טאנצן.

ער האט זיך געדרייט צו צוויי חסידים וואס זיינען געזעצן לעבן אים, און האט געזאגט "קוק ווי די חסידים פרייען זיך מיט א מצוה!! אזוי וועלן אידן טאנצן אין די גאסן ווען משיח וועט קומען!"



# דערציילן מיר א מעשה

## דעם געבורטס פון פריערדיקן רבי'ן



*רביצין שטערנא שרה דערציילט:*

אסאך יארן זיינען אדורכגעגאנגען פון די צייט וואס איך האב חתונה געהאט מיט דעם רבי'ן רש"ב, און מיר זיינען נאך ניט געבענטשט געווארן מיט א קינד.

איין יאר שמחת תורה, ביי א קידוש,ביים רבי'ן מהר"ש, האט איינער געזאגט א "מי שברך" פאר אלע מיידלאך און פרויען פון דעם רבי'נס משפחה. פון אלע נעמען האט מען מיר– רביצין שטערנא שרה –פארגעסן. איך בין געווארן זייער טרויעריק, און אפילו ווען שפעטער זיי האבן געזאגט מיין נאמען, בין איך אהיימגעגאנגען מיט א שטארקע ווייטאג.

איך האב געוויינט און געוויינט ביז איך בין איינגעשלאפן. אין מיין חלום האב איך געזען א הייליקער מענטש. ער האט מיר געפרעגט "פארוואס וויינסטו?" איך האב אים דערציילט אלס וואס איז געשען. ער האט מיר בארואיגט און האט געזאגט "זארג זיך ניט , דעם יאר וועסטו האבן א קינד. צו זוכה זיין צו דעם, זאלסטו גלייך נאך יום טוב געבן 18 רובל אויף צדקה פון דיין אייגענע געלט. דערנאך איז ער ארויסגעגאנגען, און צוריקגעקומען א פאר מינוט שפעטער מיט צוויי אנדערע הייליקע מענטשן, און ער האט זיי איבערגעזאגט אלס וואס ער האט מיר פריער געזאגט.

ווען איך בין אויפגעשטאנען האב איך אלס דערציילט פאר מיין מאן - דער רבי רש"ב. ער איז געגאנגען מיט מיר צו זיין טאטען – דער רבי מהר"ש, און האט אים דערציילט דעם גאנצן חלום. "דו ווייסט ווער זיינען געווען די מענטשן?" האט דער רבי געפרעגט, "דער ערשטער איד איז געווען דער הייליקער צמח צדק און די אנדערע צוויי זיינען געווען דער מיטעלער רבי און דער אלטער רבי!" גלייך נאך יום טוב האב איך פארקויפט א קלייד וואס איך האב געהאט, צו קענען געבן צדקה פון מיינע אייגענע געלט, און איך האב געווארט אויף די קיום פון מיין ברכה."

רביצין שטערנא שרה האט ווייטער דערציילט: "יענע יאר, י"ב תמוז תר"מ, האב איך געהאט מיין איין און איינציגע זון - יוסף יצחק, שפעטער באוואוסט אלס דער פריערדיקער רבי!"



פרקי אבות
פרק חמישי

*(המשך לעבן מיט דער צייט)*

זאלן נאכמער צוגעבן אין אידישקייט, אין לערנען תורה און אין מקיים זיין מצוות,

וואס דאס ברענגט "שלימות העם", אז דער אידישער פאלק איז גאנץ, ווארום יעדער איד פירט זיך אין א אידישן וועג אין טאג–טעגליכן לעבן.

און די אלע דריי גאנצקייטן צוזאמען – די גאנצקייט אין לערנען תורה און מקיים זיין מצוות ("שלימות התורה"), די גאנצקייט אין ארייניציען יעדער אידן אין אידישקייט ("שלימות העם"), און די גאנצקייט אין אפהיטן יעדער טייל פון ארץ הקודש, אז זי זאל זיין בא אידן און זאל זיך פירן אויף א אידישן אופן, זי זאל זיין דורכגענומען מיט אידישקייט ("שלימות הארץ") -

איילן נאכמער צו די ערפילונג פון דער הבטחה פון "**ויבחר בדוד עבדו**", "**ויבן כמו רמים מקדשו כארץ יסדה לעולם**", "**וירד מים עד ים ומנהר עד אפסי ארץ**", גאר אינגיכן.

*(פון דער רבי רעדט צו קינדער - שיחת פורים קטן, תשמ"א)*

# דעם חסידישן לוח



## י"ב–י"ג תמוז

## חג הגאולה פון דער פריערדיקער רבי

ט"ו סיון איז דער פריערדיקע רבי גענומען געווארן אין תפיסה צוליב דעם וואס ער האט פארשפרייט תורה און אידישקייט. אין אינהויב האבן זיי געזאגט דעם פריערדיקן רבי'ן אז מען וועט אים שיסן -ר"ל. דער פריערדיקע רבי האט זיך געשטארקט און האט געזאגט "ה' וועט העלפן!"

אלע חסידים האבן געדאוונט און געטאן וואס זיי האבן נאר געקענט צו העלפן דער רבי ארויסקומען פון תפיסה. די ארבעט פון די חסידם האט גע'פועל'ט, און די רוסישע פאליציי האבן געביטן די עונש פון שטארבן צו 10 יאר אין גלות. ב"ה, זיי האבן אפילו דאס דערנאך געביטן צו שיקן דער רבי אין קאסטרומא אויף 3 יאר.

ג' תמוז איז דער פריערדיקע רבי אריבערגעגאנגען פון די תפיסה "שפאלערקי" אין גלות. פאר דעם האט מען אים געלאזט אהיימגיין אויף 6 שעה. גלייך פאר ער איז ארויפגעגאנגען אויפן וואגאן צו פארן אין זיין גלות, האט ער געזאגט "נאר אונזערע גופים זיינען געשיקט געווארן אין תפיסה, ניט אונזערע נשמות. מיר דארפן ווייטער טאן אין פארשפרייטן אידישקייט, און דער אויבערשטער וועט אונז זיכער העלפן."

9 טעג שפעטער איז איינער געקומען צום רבי'ן און האט אים געזאגט "דו ביסט פטור פון דעם גלות און דו וועסט קענען אהיימגיין". י"ד תמוז איז דער פרעירדיקער רבי ארויסגעפארן פון קאסטראמא און איז ב"ה אהיימגעקומען צוריק צו חסידים ט"ו תמוז.

דעם טאג איז א גרויסע טאג פאר אלע חסידים. וועגן דעם טאג האט דער פריערדיקער רבי געזאגט "ניט נאר מיר האט דער אויבערשטער געראטעוועט אויף י"ב תמוז, נאר יעדער איד: ווייל יעצט קען מען ווייטער פארשפרייטן אידישקייט און חסידות."

*טייערע קינדער שלוחים: י"ב תמוז איז אייער יום טוב!! א יום טוב פאר חסידים ווי אייך, וואס לייגן אריין אלע אייערע כחות אין אייער שלידות. אין זכות פון אייער הייליקע ארבעט וועט דער אויבערשטער זיכער שיקן– נאך פאר י"ב תמוז– די גאולה האמיתית והשלימה פאר אלע אידן!!*

**פאקס צוריק די פאפיר צום שלוחים'ס אופיס פאר מיטוואך, י"ג תמוז, און דו קענסט געווינען א פרייז! (718-221-0985)**

# שאלות—פרשת בלק

א. ווער איז געווען דער טאטע פון דער פריערדיקן רבי'ן? ____________________

ב. ווער איז געווען זיין מאמע? ____________________

ג. ווער זיינען געקומען צו איר אין חלום? (3) א. ____________________

ב. ____________________ ג. ____________________

ד. וואס האבן זיי איר געזאגט? ____________________

ה. וואס האט זי געטאן נאך יום טוב? ____________________

ו. אויף וועלכער טאג איז דער פריערדיקער רבי געבארן געווארן? ____________________

ז. ווען איז דער פריערדיקן רבי'ן געגאנגען אין גלות קאסטראמא? ____________________

____________________

ח. וועלכער טאג האט מען אים געזאגט אז ער וועט זיין פריי? ____________________

ט. וויאזוי איז דאס א יום טוב פאר אלע אידן? ____________________

____________________

י. וואס קענסטו טאן אויף י"ב תמוז אין זכות פון דעם פריערדיקן רבי'ן? ____________________

____________________

נאמען: ____________________ ווי אלט: _____

אדרעס: ____________________

אי-מייל: ____________________

**הצלחה רבה!**